# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## ברכות שבת

**וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ**

**דער** מִדְרָשׁ ברענגט מערערע דֵיעוֹת וועלכע ערקלערן די בְּרָכָה פון דעם שַׁבָּת און מיט וואס האָט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ געהייליגט דעם שַׁבָּת.

**רַבִּי** יִשְׁמָעֵאל זאגט: בָּרְכוֹ בְּמָן, וְקִדְּשׁוֹ בְּמָן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געבענטשט דעם שַׁבָּת מיט דעם מָן, אַז א גאנצע וואָך איז געפאלן מָן נאָר איין עוֹמֶר פאר יעדן מענטש, אבער פרייטאג אִיז געפאלן לֶחֶם מִשְׁנָה - דאפעלט, צְוֵויי עוֹמְרִים פאר יעדן מענטש, איינס פאר פרייטאג און דאס אַנְדֶערְע אִיז געווען אויף שַׁבָּת, און עֶר האָט געהייליגט דעם שַׁבָּת מיט דעם מָן, אַז אוּם שַׁבָּת איז דער מָן נישט געפאלן, כְּדֵי מען זאל נישט דארפן ארויסגיין קלויבן דעם מָן וואס וואלט ווען געקענט צו ברענגן צו א חִילוּל שַׁבָּת.

**דִי** מְפָרְשִׁים פרעגן וואס פאר א בְּרָכָה אִיז דאס. אוֹיב אויף שַׁבָּת איז אויך נאָר געפאלן אֵיין עוֹמֶר עס אִיז דאך די זעלבע מָאס ווִי עס אִיז געפאלן פאר יעדן טאג, האָט מען דאך שַׁבָּת נישט געהאט מעֶר מָן צו עסן ווִי יעדן טאג.

**עטליכע** תֵּרוּצִים זאגן די מְפָרְשִׁים דערויף, אַז דאס אַלֵיין אִיז א בְּרָכָה אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געגעבן אויף איינמאהל, גאנצע צְוֵויי עומרים, וואס מען וואלט ווען געדארפט יעדן עוֹמֶר באזונדער קלויבן. **גור אריה**

**נָאךְ** ענטפערן די מְפָרְשִׁים, אַז די בְּרָכָה אִיז געווען וַוייל יעדן טאג אוֹיב האָט מען אִיבֶער געלאזט פון דעם מָן אויף מארגן אִיז דאס פארדארבן געווארן, אבער אויף שַׁבָּת וואס מען האָט אִיבֶער געלאזט אִיז נישט פארדארבן געווארן, אֲפִילוּ עֶר האָט אִיבֶער געלאזט פון זיין פרייטאג'ן חֵלֶק אויף שַׁבָּת אִיז דאס אויך נישט פארדארבן געווארן.

**צדה לדרך**

**אויך** קען מען זאגן אַז די בְּרָכָה אִיז געווען אַז אויף שַׁבָּת אִיז געפאלן מָן אויף דְרֵיי סְעוּדוֹת, אבער יעדן טאג אִיז נאָר געפאלן מָן אויף צְוֵויי סְעוּדוֹת.

**שפתי חכמים**

**אַנְדֶערְע** מְפָרְשִׁים זאגן, אַז די בְּרָכָה אִיז געווען אַז אויף שַׁבָּת אַלֵיין אִיז געפאלן דאפעלט. קומט אויס לוֹיט דעם אַז פרייטאג אִיז געפאלן זיבן חַלוֹת, אֵיין חַלָּה האָט מען געגעסן פרייטאג, צְוֵויי חַלוֹת האָט מען געהאט פאר די סְעוּדָה פון פרייטאג צו נאכט'ס, צְוֵויי חַלוֹת אויף די סְעוּדָה פון בייטאג, און צְוֵויי חַלוֹת פאר שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

**יפה תואר במדרש, רשב"ם עה"ת פ' בשלח**

**לוֹיט** דעם קען מען פארענטפערן דעם בֵּית יוֹסֵף'ס קַשְׁיָא [או"ח סי' רצ"א] וואס ברענגט פון שִׁבּוֹלֵי לֶקֶט [זעה ווייטער ביי פרשת בשלח מער באריכות] די שִׁיטָה אַז מען דארף נישט נעמען קֵיין לֶחֶם מִשְׁנָה אויף שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, וַוייל דער גאנצער טַעַם פארוואס מִיר נעמען ביי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת לֶחֶם מִשְׁנָה, אִיז דאך נאָר צוליב א זֵכֶר אויף דעם מָן וואס אִיז געפאלן פרייטאג דאפעלט, און דעמאלס ווען דער מָן אִיז געפאלן אִיז דאך נאָר געווען גענוג פאר לֶחֶם מִשְׁנָה בַּיי די ערשטע צְוֵויי סְעוּדוֹת. וַוייל דער שִׁבּוֹלֵי לֶקֶט הַאלְט, אַז פרייטאג וואס אִיז געפאלן דאפעלט פון יעדן טאג מיינט אַז נאָר פיר חַלוֹת זענען געפאלן, צְוֵויי חַלוֹת פאר יעדן טאג, דערפאר האָט מען איינגעטיילט פאר יעדע סְעוּדָה נאָר אֵיין חַלָּה, אֵיין חַלָּה האָט מען פרייטאג בייטאג געגעסן, אֵיין חַלָּה פרייטאג-צו-נאכטס, אִיז נָאךְ אִיבֶער געבליבן צְוֵויי חַלוֹת, האָט מען נָאךְ געהאט צְוֵויי חַלוֹת אויף לֶחֶם מִשְׁנָה פאר די סְעוּדָה פון בייטאג, איינס האָט מען געגעסן בַּיי די סְעוּדָה פון שַׁבָּת בייטאג, אִיז דאך נאָר איבערגעבליבן נאָר אֵיין חַלָּה אויף די סְעוּדָה פון שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת,

הָאבן זיי דאך נישט געהאט קֵיין לֶחֶם מִשְׁנֶה אויף די סְעוּדָה פון שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוֹיב אזוי פארוואס נעמען מִיר בַּיי די סְעוּדָה פון שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת צְוֵויי חַלּוֹת אויף לֶחֶם מִשְׁנֶה.

**אבער** לוֹיט די מְפָרְשִׁים וואס זאגן אַז אויף שַׁבָּת אַלֵיין אִיז געפאלן דאפעלט, אַז פאר יעדע סְעוּדָה באזונדער זאל מען הָאבן צְוֵויי חַלּוֹת. אִיז אויסגעקומען אַז זיי הָאבן געהאט לֶחֶם מִשְׁנֶה אויף פאר די סְעוּדָה פון שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, דערפאר נעמען מִיר מיט רעכט אַלְץ זֵכֶר דערצו לֶחֶם מִשְׁנֶה בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

**רַבִּי** יִשְׁמָעֵאל זאגט: בֵּרְכוֹ בְּמָן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט געבענטשט דעם שַׁבָּת מיט דעם מָן, וְקִדְּשׁוֹ בְמָן און עֶר הָאט געהייליגט דעם שַׁבָּת מיט דעם מָן, אַז שַׁבָּת אִיז דער מָן נישט געפאלן, דאס וָוארְט קְדוּשָׁה מיינט אפגעטיילט פון עִנְיְנֵי עוֹלָם הַזֶּה, און באשטימט אויף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דאס זעלבע אִיז דָא די כַּוָּונָה אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט אפגעטיילט דעם שַׁבָּת פון די אַנְדֶערֶע וואכענדיגע טעג אַז דער מָן אִיז געפאלן, כְּדֵי דער טאג זאל באשטימט ווערן אויף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**דאס** אִיז א וואונדערליכע זאך אַז נאָר צוליב פערציג יאָר פון די טויזענטער יארן וואס דער מָן אִיז נישט געפאלן זאל דער פָּסוּק זאגן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט געבענטשט דעם שַׁבָּת.

**נאָר** עס קען זיין אזוי, אַז די כַּוָּונָה אִיז א לִימּוּד פאר אַלע דּוֹרוֹת אַז זיי זאלן וויסן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט געהייליגט דעם שַׁבָּת אַז זיי זאלן נישט טוהן קֵיין שׁוּם ארבעט, כְּדֵי אִידִישֶׁע קינדער זאלן דעם טאג באשטימען אויף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וֵוייל אוֹיב ווערט דער מענטש אמאל טראכטן אַז וויבאלד עֶר ארבעט נישט אין דעם טאג פון ווִי ווערט עֶר הָאבן פַּרְנָסָה אויף דעם טאג, אזוי ווִי טרעפן דאס עִנְיָן בַּיי די מִצְוָה פון שְׁמִיטָה ווִי דער פָּסוּק זאגט אַז דער מענטשוועט פרעגן הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ וְכוּ', אוֹיב אזוי פון ווִי וועל אִיךְ הָאבן פַּרְנָסָה אוּם שְׁמִיטָה, זאגט דארט דער פָּסוּק וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט צוגעזאגט זיין בְּרָכָה אַז עס וועט גארנישט פעלן צוליב האלטן די מִצְוָה פון שְׁמִיטָה, דעריבער הָאט דער פָּסוּק דָא בַּיי די מִצְוָה פון שַׁבָּת אויף קוֹדֶם געזאגט וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט געדאפלט פרייטאג דעם מָן, די בְּרָכָה אִיז שׁוֹין געווען מיט א טאג פריער, כְּדֵי מען זאל הייליגן דעם שַׁבָּת, מען זאל נישט טוהן קֵיין שׁוּם ארבעט, נאָר באשטימען דעם טאג צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. **נחלת יעקב**

**רַבִּי** נָתָן זאגט בָּרְכוֹ בְּמָן, וְקִדְּשׁוֹ בִּבְרָכָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט געבענטשט דעם שַׁבָּת מיט דעם מָן, און הָאט געהייליגט דעם שַׁבָּת מיט א בְּרָכָה. ד.מ. אַז מען זאל זאגן די בְּרָכָה פון מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת.

**דער** בְּנֵי יִשָּׂשכָר זאגט פְּשַׁט אין מִדְרַשׁ בַּדֶּרֶךְ אֶפְשָׁר, אַז עס קען זיין אַז א גאנצע וואָך הָאט מען נישט געמאכט קֵיין שׁוּם בְּרָכָה אויף'ן עסן דעם מָן, וֵוייל א בִּרְכַּת הַנֶּהֱנִין דארף מען נישט מאַכן אויף א מַאֲכָל וואס אִיז א רוּחָנִי. אבער שַׁבָּת, וויבאלד דאס עסן פון שַׁבָּת אִיז קוֹדֶשׁ, און דאס אִיז גְלַייךְ צוּ די עֲבוֹדָה פון עסן קָדָשִׁים, דערפאר הָאט מען געמאכט א בִּרְכַּת הַמִּצְוָה און נישט קֵיין בִּרְכַּת הַנֶּהֱנִין, דעריבער הָאבן זיי געזאגט די בְּרָכָה אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לֶאֱכוֹל סְעוּדַת שַׁבָּת. און די בְּנֵי יִשָּׂשכָר ענדיגט צוּ דערויף אַז השי"ת יוֹדֵעַ הָאֱמֶת. **בני יששכר מאמרי השבתות מ"ג אות ג'**

**רַבִּי** יִצְחָק זאגט: בֵּרְכוֹ בְּמָן, וְקִדְּשׁוֹ בַּמְּקוֹשֵׁשׁ, וּבֵרְכוֹ בַּעֲטִיפָה, אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט געבענטשט דעם שַׁבָּת בַּעֲטִיפָה - אַז מען דארף אנטוהן שיינע קליידער לְכָבוֹד שַׁבָּת. און עֶר הָאט געהייליגט דעם שַׁבָּת דורך דעם מְקוֹשֵׁשׁ, וואס מען הָאט אִים פארשטיינערט, וֵוייל עֶר הָאט מְחַלֵּל שַׁבָּת געווען, אזוי ווִי עס ווערט דערמאנט סוֹף פָּרָשַׁת שְׁלַח.

**שטייט** אין סֵפֶר מַאֲמַר מָרְדְּכַי אַז דער מְקוֹשֵׁשׁ אִיז ארויסגעגאנגען אין גאס שַׁבָּת ווען עֶר אִיז נישט געווען אנגעטוהן מיט זיינע שַׁבָּת'דיגע בְּגָדִים וועלכע דערמאנען אַז היינט אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דעריבער אִיז עֶר נִכְשַׁל געווארן מיט חִילּוּל שַׁבָּת. **שם, או"ח סי' ש"א סק"ג**

**שטייט** אין סֵפֶר [תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פכ"ג] אַז דערפאר שטייט די פָּרָשָׁה פון צִיצִית נאָנט צוּ די פָּרָשָׁה פון מְקוֹשֵׁשׁ, וֵוייל משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט געזאגט פאר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: אַז דער מְקוֹשֵׁשׁ הָאט געזונדיגט, וֵוייל א גאנצע וואָך זענען אידן אנגעטוהן מיט תְּפִילִין וואס דערמאנט זיי מוֹרָא צוּ הָאבן פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אבער שַׁבָּת גייען זיי נישט מיט קֵיין תְּפִילִין, הָאבן זיי נישט וואס עס זאל זיי

דערמאנונען מוֹרָא צוּ האָבן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. האָט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִים געזאָגט: אִיךְ ווֶעל אייךְ געבן די מִצְוָה פוּן צִיצִית וואס אִיז נוֹהֵג אֲפִילוּ שַׁבָּת, וואס וועט דערמאנונען יעדן איינעם מוֹרָא צוּ האָבן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, ווִי עס שטייט אין פָּסוּק וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת ה׳, לוֹיט דעם קומט גִיט אויס פארוואס שטייט די פָּרָשָׁה פוּן מְקוֹשֵׁשׁ נעבן די מִצְוָה פוּן צִיצִית, וֵוייל דאס אִיז געווען אין די זעלבע צייט. **בני יששכר מאמרי השבתות**

**רַבִּי** אֱלְעָזָר זאגט בָּרְכוּ בְּנֵר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געבענטשט דעם שַׁבָּת עס זאל געטוהן ווערן אין אִים נִיסִּים בַּיי די ליכט. האָט רַבִּי אֱלְעָזָר געזאגט, און בַּיי מִיר האָט די זאך געטראפן, אמאהל האָב אִיךְ אנגעצינדן ליכט עֶרֶב שַׁבָּת פארנאכטס, ווען אִיךְ בִּין געקומען מוֹצָאֵי שַׁבָּת האָב אִיךְ געטראפן אַז די ליכט ברענען נָאךְ, און פוּן די ליכט אִיז גארנישט געווען אפגעברענט.

**דער** בְּנֵי יִשָּׂשׂכָר זאגט אַז מען מוז זאגן, אַז דער נֵס פוּן די ליכט פאסירט יעדן שַׁבָּת בַּיי יעדן אִיד, אַז די שַׁבָּת ליכט ווערן געבענטשט מיט זייער ליכטיגקייט מעֶר פוּן די ליכטיגקייט פוּן א גאנצע וואָך, פאר איינעם מעֶר און פאר איינעם ווייניגער. און עס דאכט זיך מִיר אַז די מְבִינִים דערקענען דאס. **בני יששכר מאמרי השבתות מ"ג אות ה'**

**דער** מִדְרָשׁ זאגט ווייטער, בָּרְכוּ בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם, קִדְּשׁוּ בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געבענטשט דעם שַׁבָּת מיט דעם ליכטיגקייט פוּן דעם פָּנִים פוּנ'ם מענטש, און עֶר האָט געהייליגט דעם שַׁבָּת מיט די ליכטיגקייט פוּן דעם מענטש'ס פָּנִים, עס אִיז נישט גְלֵייךְ די ליכטיגקייט פוּן דעם מענטש'ס פָּנִים פוּן א גאנצע וואָך צוּ די ליכטיגקייט פוּן זיין פָּנִים אוּם שַׁבָּת, דער פָּנִים פוּן די אידן אוּם שַׁבָּת זעהט אויס מעֶר ליכטיגער און הייליגער ווִי א גאנצע וואָך.

**די** סְפָרִים ברענגן אַז וויבאלד דער פָּנִים פוּן דעם מענטש אִיז באשאפן געווארן מיט א צֶלֶם אֱלֹקִים דערפאר דערקענט זיך שַׁבָּת מעֶר דאס ליכטיגקייט אויפ'ן פָּנִים. **תפא"צ**

**נָאךְ** א פְּשַׁט קען מען זאגן בֵּרְכוֹ בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם, קִדְּשׁוֹ בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם, די מִשְׁנָה זאגט [דְּמַאי ד' א'] אַז אוֹיב מען קויפט פרוכט פוּן אַן עַם הָאָרֶץ, אוֹיב עֶר זאגט שַׁבָּת אַז דאס אִיז גְ'מַעֲשֵׂר'ט מֶעג מען עסן די פרוכט, שטייט אין יְרוּשַׁלְמִי [שָׁם] אַז דער טַעַם אִיז, וֵוייל שַׁבָּת זאגט נישט אֲפִילוּ אַן עַם הָאָרֶץ קֵיין ליגנט, וֵוייל אֲפִילוּ אַן עַם הָאָרֶץ האָט מוֹרָא פוּן דעם שַׁבָּת.

**בֶּאֱמֶת** אִיז דאס א וואונדערליכע זאך, אַז דער עַם הָאָרֶץ זאל מוֹרָא האָבן פוּן דעם שַׁבָּת, [מִיר לעבן היינט ליידער אין א דוֹר יָתוֹם, וֵוייל עס אִיז שווער היינט צוּ טרעפן דעם סארט עַם הָאָרֶץ, וואס זאל מוֹרָא האָבן פוּן דעם שַׁבָּת].

**נָאר** עס קען זיין וויבאלד דער זיבעטע מִידָה פוּן די דרייצן מִדּוֹת שֶׁל רַחֲמִים אִיז די מִידָה פוּן אֱמֶת וואס דערלייכט אוּם שַׁבָּת דאס פָּנִים פוּן דעם מענטש, וֵוייל דער מִידָה אִיז דאס ליכטיגקייט פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, און אִידִישֶׁע קינדער זענען די בְּנֵי מְלָכִים, דעריבער לייכט זייער פָּנִים מיט די ליכטיגקייט, און האָבן מוֹרָא פוּן צוּ זאגן שַׁבָּת א ליגענט.

**עס** אִיז באקאנט אַז די מִידָה פוּן אֱמֶת אִיז דער מְקוֹר פוּן בְּרָכָה, לוֹיט ווִי עס שטייט [מִדְרַשׁ תְּהִלִּים ז' י"א] אַז דער שֶׁקֶר האָט נישט געקענט אריינגיין אין נֹחַ'ס תֵּבָה, בִּיז עֶר האָט געטראפן זיין פאָר דעם שְׂלוֹמַזָּל וואס מאכט פארלירן דאס פארמעגן וואס מען האָט פארדינט דורך ליגענט.

**קומט** אויס אַז מיט דעם אֱמֶת קומט די בְּרָכָה, דאס אִיז אויך דער טַעַם פארוואס יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז געבענטשט געווארן, וֵוייל זיין מִידָה אִיז אֱמֶת וואס אִיז דער מְקוֹר פוּן בְּרָכָה, דעריבער וויבאלד דער פָּסוּק זאגט אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געבענטשט דעם שַׁבָּת און עס שטייט נישט בְּפֵירוּשׁ מיט וואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט דאס געבענטשט, דעריבער זאגן די חֲזַ"ל אַז בָּרְכוּ בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם, אַז די אִידִישֶׁע קינדער די בְּנֵי מְלָכִים לייכט זייער פָּנִים אוּם שַׁבָּת פוּן דאס ליכטיגקייט פוּן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פוּן די זיבעטע מִידָה וואס אִיז די מִידָה פוּן אֱמֶת, וֵוייל אין אֱמֶת ליגט דער מְקוֹר הַבְּרָכָה, דאס פארקערטע פוּן ליגענט זאגן וואס מאכט פארלירן דאס פארמעגן.

**וְקִדְּשׁוֹ** בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם, אויך האָט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אונז געהייליגט, וואס יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים, אִידִישֶׁע קינדער זענען א הייליג פאלק, דורך דאס ליכטיגקייט וואס קומט פוּן הִימֶל צוזאם מיט די בְּרָכָה, אַז מען האָט דעריבער מוֹרָא ליגענט צוּ זאגן שַׁבָּת, דערפאר אִיז אֲפִילוּ אַן עַם הָאָרֶץ אויך באגלייבט שַׁבָּת, וֵוייל אידן זענען הייליג און זאגן נישט שַׁבָּת קֵיין ליגענט.

**ענדיגט** צוּ דער הייליגער בְּנֵי יִשָּׂשׂכָר מיט די ווערטער: מֵיין טייערע ברודער, טראכט גוט אֲרַיין אין מיינע ווערטער, און זאלסט קושן די הענט פוּן די חֲכָמִים. **בני יששכר שם**

**דער** מִדְרָשׁ זאגט ווייטער, בָּרְכוּ בִּמְאוֹרוֹת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געבענטשט דעם שַׁבָּת מיט בעלייכטונגען, אַז די זון און די לְבָנָה שיינען אוּם שַׁבָּת מער ליכטיגער פוּן די גאנצע וואָך.